**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/8/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט׳ס רעקארד-ברעכנדע מאביל ספארט געוועט שטייער איינקונפט

***אין קנאפע זעקס חדשים האט ניו יארק סטעיט איינגעמאנט 302.3 מיליאן דאלער אין מאביל ספארט געוועטונג שטייער איינקונפט — ווייט איבערשטייגנדיג סיי וועלכע אנדערע סטעיט און איבערלאזנדיג די ערווארטונגען ווייט פון הינטן***

***בעלי בעט — די ניינטע און לעצטע אָפערעיטער אנצובאטן מאביל ספארט געוועטונג אין ניו יארק — האט אנגעהויבן אפעראציעס***

***שטייער איינקונפט צוריק אינוועסטירט אין בילדונג, גרענטס פאר יוגנט ספארט פראגראמען און געמבלינג פראבלעם אפהאלט באהאנדלונג און ערהוילונג סערוויסעס***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז אין קנאפע זעקס חדשים פון אפעראציע, האט ניו יארק׳ס מאביל ספארט געוועטונג פראגראם האט ווייט איבערגעשטיגן יעדע אנדערע סטעיט, ווי אויך דער אפטיילונג פון דעם בודזשעט׳ס פינאנץ-יאר 2022 איינקונפט פאראויסזען. לויט ניו יארק סטעיט דאטא האט דער סטעיט אויפגעטריבן איבער 302 מיליאן דאלער אין שטייער איינקונפט פון מאביל ספארט געוועטונג זינט יאנואר 8, 2022— מיט דער גאנצער סומע דירעקטירט פאר בילדונג הילף, יוגנט ספארט און פאראנטווארטליכע געמינג פראגראמען. אין צוגאב, איז דער ניינטער און לעצטער אפערירער אין ניו יארק סטעיט — בעלי בעט — אויטאריזירט געווארן אנצונעמען געוועטן אום יולי 7, מאכנדיג דעם עמפייער סטעיט׳ס לעצטע פראבעס אין רעגולירטע געמינג פולקאם אפעראציאנעל.

״אין בלויז זעקס מאנאט איז ניו יארק געווארן א פירער צווישן סטעיטס אין איינפירן מיט הצלחה געמינג פאָליסיס, מיט הונדערטער מיליאנען דאלארען געפירט צו וויכטיגע פראגראמען וועלכע וועלן פארבעסערן די לעבנס פון אלע ניו יארקער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דאס אט וואס געלאזט אין גאנג ניו יארק׳ס ענדגילטיגע ספארט געוועטונג אפערירער וועט ברענגען באדייטנדע געלטער פאר בילדונג, יוגנט ספארט פראגראמען, און געמבלינג פראבלעם שטיצע. איך קוק ארויס אויף ווייטער דורכצופירן פאראנטווארטליכע געמינג פאָליסיס וועלכע פארזארגן פארכאפנדע אונטערהאלטונג פאר ניו יארקער אין געזעצליכן עלטער — אלצדינג מיט וויכטיגע באווארענישן אין פלאץ אויף צו העלפן די וועלכע נייטיגן זיך דערין.״

לויט באריכטן, האט ניו יארק איינקאסירט אין מאביל ספארט געוועט איינקונפט אין זעקס חדשים מער ווי די סה״כ ספארט געוועט איינקונפט — סיי מאביל און סיי אויפ׳ן-ארט — וואס סיי וועלכע אנדערע סטעיט האט אויפגעטריבן אין משך פון עטליכע יאר. ביז מאי 2022, האט פענסילוואניע איינקאסירט 265.6 מיליאן דאלער אין ספארט געוועט איינקונפט זינט נאוועמבער 2018, און ניו דזשערזי האט אויפגעטריבן 237.1 מיליאן דאלער זינט יוני 2018.

אין יאנואר האט ניו יארק סטעיט זיך געריסט אויף 249 מיליאן דאלער אין מאביל ספארט געוועט שטייער איינקונפט (אריינגערעכנט 200 מיליאן דאלער אין פריער-איינקאסירטע לייסענס אפצאל) אין פינאנץ-יאר2022, און סך הכל איינגעמאנט 361 מיליאן דאלער (אריינגערעכנט די 200 מיליאן דאלער אין לייסענס אפצאל). פון אפריל אן, רישט זיך ניו יארק סטעיט אויף 357 מיליאן דאלער אין פינאנץ-יאר 2023, 465 מיליאן דאלער אין פינאנץ-יאר 2024, 493 מיליאן דאלער אין פינאנץ-יאר 2025, 509 מיליאן דאלער אין פינאנץ-יאר 2026 און 518 מיליאן דאלער אין פינאנץ-יאר 2027.

**ניו יארק סטעיט גיימינג קאמיסיע עקזעקיוטיוו דירעקטאר ראבערט וויליאמס האט געזאגט,** ״א דאנק גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, האט ניו יארק סטעיט זיך אוועקגעשטעלט אלס דער פירער אין ספארט געוועט אין בלויז זעקס חדשים. די ציפערן און צייטליניע צייגן קלאר אז ניו יארק׳ס מוסטער טוט ערפאלגרייך אויסניצן די דערהייטערונג פון ספארט געוועט און טוט ווייטער אויסניצן איר פאטענציעל אויפ׳ן גרעסטן פארנעם.״

מיט׳ן אנקום פון מאביל ספארט געוועט, האבן די ניו יארק סטעיט גיימינג קאמיסיע, אירע צוזאמארבעטער אין דעם פאראנטווארטליכע שפילעריי צוזאמארבעט, און גיימינג ערטער זיך באנומען מיט פראקטיווע, אינפארמירנדע פראגראמען און ארויסזוך-באמיאונגען צו מוטיגן פאראנטווארטליכע געמבלינג.

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עדיקשאן סערוויסעס און שטיצע קאמיסיאנער טשינאזא קונינגהעם האט געזאגט,** ״מיר קוקן ארויס צו די פאזיטיווע אימפאקטן וואס די איינקונפט וועט האבן אויף די פארברייטערונג פון פארמיידן, באהאנדלונג, רעדוצירן שאדנס און ערהוילונג סערוויסעס פאר געמבלינג פראבלעמען. די צוגעלייגטע געלטער וועלן ערמעגליכן פאר OASAS צו פארשטערקערן באמיאונגען צו פארמיידן געמבלינג פראבלעמען און גרייכן ווי מער מענטשן מיט סקרינינג און באהאנדלונג סערוויסעס אין אלע טיילן פון ניו יארק סטעיט.״

ניו יארק׳ס מאביל ספארט געוועט שטייער איינקונפט ווערט צוריק אינוועסטירט אין עלעמענטארישע און העכערע בילדונג און גרענטס פאר יוגנט ספארט פראגראמען, אינאיינעם מיט געמבלינג פראבלעם פארמיידן, באהאנדלונג און ערהוילונג סערוויסעס. אין צוגאב האט דער סטעיט איינקאסירט 25 מיליאן דאלער אין לייסענס אפצאל פון אכט מאביל ספארט געוועט פלאטפארמע פארזארגער, מיט א סה״כ הוספה פון 200 מיליאן דאלער פאר׳ן סטעיט. אלע לייסענס אפצאל איינקונפט זענען שוין באשטימט געווארן פאר בילדונג.

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף פי. אדאבא דזשוניאר האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט האט שוין איבערגעשטיגן אלע ערווארטונגען דורך ווייט לאזן הינטער זיך יעדע פון אונזערע קאנקורענטן אין די מאביל ספארט געוועט ארענא אין א קורצע זעקס-חדשים׳דיגע צייט אפשניט. דאס איז צוליב דעם וואס מיר שטעלן צו די שטארקע ניו יארק שפיל-ליבהאבער מיט הויכע קוואליטעט מאביל געוועט פון געווידמעטעט פארזארגער, וועלכע מאכן עס א הויפט ציל צו געבן קאסטומערס אן ערשטראנקיגע דורכלעבעניש אויף זייערע עפס. און מיט׳ן אנקומען אצינד פון ׳בעלי בעט׳ וועלן זיין נאך מער פארמעסטערישקייט אין דעם אויפשטייגנדן מארקעט. די סוקסעס פון ניו יארק׳ס רעגולירטע מאביל ספארט געוועט ערמעגליכט פאר אירע איינוואוינער זיכערערהייט צו לייגן געוועטן אין זייער אייגענעם סטעיט. איך בין באגייסטערט צו האלטן ניו יארק אויף די רעדער אויפ׳ן וועג צו נאך מער פינאנצירונג פאר בילדונג, יוגנט ספארט פראגראמען און גיימינג עדיקשען באוואוסטזיניגקייט און שטיצע.״

**אסעמבלי-מיטגליד גערי פרעטלאוו האט געזאגט,** ״עס איז קיין שום ספק נישט געווען ביי מיר אין קאפ ווען מיר האבן צוזאמגעשטעלט די לעגיסלאטיווע מאביל ספארט געוועט פלאן וואס די תוצאות וועלן

זיין. איך האב געקוקט אויף וואס ניו דזשערזי האט געטון, און איך האב געוואוסט אז א גרויס חלק פון זייער ערפאלג איז געווען באזירט אויף ניו יארקער וועלכע האבן אריבערגעשפרייזט דער סטעיט ליניע. איך האב עס געזען אלס א געלעגנהייט צו האלטן מער שטייער איינקונפט און מאכן ניו יארק דעם גרעסטן געוועט מארקעט אין די פאראייניגטע שטאטן. דאס איז דעם גרעסטן שבח פאר׳ן סטעיט, אזוי ווי מיר שאפן ווייטער געלטער פאר בילדונג, יוגנט ספארט און געמבלינג פראבלעמען.״

לויט ׳דזשיאָו-קאָמפליי׳, א סאָפטוועיר פירמע געניצט דורך ספארט-בוכער צו פארזיכערן געאלאקאציע פאדערונגען, זענען איבער 2.9 מיליאן באזונדערע שפילער אקאונטס געשאפן געווארן זינט יאנואר, און אויסגעפירט איבער 707 מיליאן טראנסאקציעס.

פאר׳ן פינאנץ-יאר 2023 און יערליך דערנאך, ווערן איינקופטן פון מאביל ספארט געוועטונג אויסגעטיילט ווי פאלגענד: 5 מיליאן דאלער צו פינאנצירן ספארט פראגראמען פאר אונטערסערווירטע יוגנט, 6 מיליאן דאלער צו פינאנצירן געמבלינג פראבלעם באקאנט-מאכן און באהאנדלען, און דאס רעשט אין מערסטן טייל צו בילדונג הילף.

יעדן פרייטאג פובליצירט די ניו יארק סטעיט געימינג קאמיסיע וועכנטליכע מאביל ספארט געוועט באריכטן [אָנליין](#).

די קאמיסיע׳ס רעגולאציעס פאדערן פון אפערירער אפצוהאלטן מינדעריעריגע פון שפילן, צושטעלן פאר געוועטער די מעגליכקייטן צו שטעלן שפענדונג באצוימונגען, און מיטיילן אינפארמאציע איבער די ריזיקעס פארבינדן מיט געמבלינג און סימנים פון געמבלינג פראבלעמען. ניו יארקער וועלכע מוטשען זיך מיט א געמבלינג פראבלעם אדער קענען עמיצן מיט א געמבלינג פראבלעם קענען רופן דעם סטעיט׳ס בחינם׳דיגן, קאנפידענציעלן ׳האָפּליין׳ אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער טעקסט׳ען HOPENY (467369). ניו יארקער קענען זיך אויך פארבינדן מיט׳ן ראיאנישן געמבלינג פראבלעם הילפס צענטער אויף https://nyproblemgamblinghelp.org/.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418